# ומקדשי תיראו

לקט מאמרים נבחרים בקדושת בית מקדש מעט ובקדושת התפילה

- שנה ב' -
גליון כ' - אמור


דרש רבא מאי דכתיב ד' מעון אתה היית לנו אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות (מגילה כ"ט.)

## דברים חוצבים להבות א"ש

# מהגה"צ דומ"ץ דקהילתינו שליט"א

### שנאמרו לפני קריה"ת בשב"ק העעל"ט לסדר "ומקדשי תיראו" דהאי שעת"א

... עס האט פאסירט לידער נעכטן א שריפה דא אין א צימער נעבן ביהמ"ד, עס איז שוין א צווייטע מאל אויף די זעלבע פלאץ. עס שטייט אין פסוק "הלא דברי כאש נאם ד'", דער אויבירשטער'ס רעדן איז אזוי ווי פייער, איז אוודאי ווען דער רבוש"ע רעדט, איז דאס דורך פייער.

דער רבוש"ע פאדערט עפעס פון אונז, מען דארף אריין טראכטן פארוואס עס האט פאסירט? רבותי, מיר שטייען דאך אינעם יארצייט פונעם רבי'ן דער ברך משה ז"ל, וואס דער ביהמ"ד איז נקרא על שמו, דארף מען אריינטראכטן פארוואס עס האט פאסירט אין דעם שבת ביי זיין יארצייט?

דער רבי דער בעל ההילולא, ברענגט א ווארט פון תורת כהנים, "אם אתם מקדשים אתם עצמכם מעלה אני עליכם כאילו קדשתם אותי, ואם אין אתם מקדשים עצמכם מעלה אני עליכם כאילו לא קדשתם אותי, או אינו אלא אם אתם מקדשים וכו' ת"ל כי קדוש אני, בקדושתי אני, בין מקדשים אותי ובין וכו'". איז דער רבי ז"ל מבאר, עפ"י די ווארט וואס שטייט אין דברי יואל, ירמיה ודניאל האבן געזאגט, אז טאמער עס איז נישט ניכר אויף די וועלט, אז דער רבוש"ע איז הגדול הגבור והנורא, קען מען נישט רופן דעם רבוש"ע מיט די נעמען, ביז עס זענען געקומען די אנשי כנסת הגדולה, און געזאגט, אז עס איז יא ניכר אויף די וועלט, עיי"ש. די זעלבע זאך איז אויב אידן פירן זיך בקדושה, אדם מקדש עצמו מלמטה מקדשין אותו הרבה מלמעלה, אויב עס וועט זיין קדושים תהיו, און דאס וועט זיין ניכר אויף די וועלט, וועט דער טיטל פונעם רבוש"ע - דורך אונז - אויך קענען זיין קדוש, כאטש וואס דער רבוש"ע איז שטענדיג מיט די טיטל, ע"כ פון רבי'ן דער ברך משה זי"ע.

איז ממילא אותו הדבר כאן, כלפי בית ד', אז אונז וועלן אכטונג געבן און נוהג כבוד זיין אויפן בית ד', אזוי ווי עס פאסט פארן כבוד פונעם בית המלך, וועט דער רבוש"ע אויך אכטונג געבן אויף דעם מיט א שמירה יתירה, אזוי ווי אונז געבן אכטונג אויפן בית ד'.

עס איז דא וואס זאגן אז דער גוי מאכט מלאכות שבת אין דעם מקום, און דאס האט גורם געווען די פייער, לאמיר נישט קוקן אויף די עבירות פונעם גוי, לאמיר זעהן וואס עס טוט זיך ביי אונז. **אז מען גיבט נישט אכטונג גענוג אויפן כבוד ביהכנ"ס און מען שמועס'ט בשעת'ן דאווענען אדער בשעת קריה"ת איז מען דורך דעם מחלל שבת.** אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק (פרשת ויקהל) אז איינער רעדט שבת אין ביהכנ"ס, איז ער מחלל שבת, און ער האט נישט קיין חלק באלוקי ישראל, א ביהמ"ד איז די שטוב פון יעדן איינעם, מען דארף שפירן די אחריות פון דעם, און טראכטן אזוי ווי עס האט פאסירט ביי אים אינדערהיים.

ב"ה - אין הכי נמי - ביי אונז אין ביהמ"ד שמועס'ט מען נישט ביי קריאת התורה, און עס איז שטיל, אבער עס איז נישט גענוג, עס איז דא מענטשן וואס גלייך ווען מען ענדיגט צו ליינען, נאך מפטיר, שמועס'ט מען שוין, עס איז א בזיון הספר תורה, און א בזיון ביהכנ"ס, מ'האט שוין געענדיגט צו ליינען, אבער מ'האלט נאך אינמיטן דאווענען. אזוי אויך ביים גאנצן דאווענען פון אנהייב ביזן סוף, דארף מען זעהן און וויסן אז מען איז יעצט אינעם בית ד' און נישט שמועס'ן, אפילו ווען ער האט שוין געענדיגט שמונה עשרה טאר מען נישט שמועס'ן, דורך דעם שטערט ער אויך פאר אנדערע צו דאווענען. עס איז דא וואס טוהען א טובה און גייען ארויס אינדרויסן שמועס'ן, דאס איז דאך א גרעסערע בזיון פארן ביהמ"ד, אז בשעת ווען דער ציבור דאוונט שטייט מען און מען שמועס'ט דארט. אזוי אויך דארף מען זעה'ן אז מען זאל זיך שטעלן דאווענען פון אנהייב דאווענען, מיטן בעל תפילה אינאיינעם, דער דאווענען הייבט זיך אן ביי אדון עולם נישט ביי קריה"ת.

אזוי ווי דער פייער האט פאסירט נעבן די "עזרת נשים", דארפן די נשים אויך מאכן א חשבון הנפש, צו די צניעות איז ווי עס דארף צו זיין אין שטוב, און צו די צניעות ווען מען גייט ארויס אין גאס איז ווי עס דארף צו זיין.

**מורי ורבותי!!! מען זאל וויסן פון היינט און ווייטער, אז דער וואס רעדט אין ביהמ"ד ביים דאווענען אדער ביי קריאת התורה, שפילט זיך מיט פייער ממש.**

מיר שטייען היינט ביים יארצייט פון רבינו הק' דער ברך משה זי"ע, מ'האט ב"ה געזעהן גרויסע חסדים, אז דער פייער איז נישט אריין אין ביהמ"ד ממש, און דאס איז זיכער נאר בזכותו.

עס שטייט אין ספרים הק' אז ביי די יארצייט גייט די נשמה ארויף העכער אין העכער. עס איז באוואוסט אז די מטרה וואס מען נעמט זיך צוזאמען תלמידים וחסידים ביי א יארצייט איז ווייל דער צדיק גייט ארויף העכער, זאל ער נישט פארגעסן פון אונז, נאר ער זאל געדענקען ווייטער פון אונז, איז לאמיר אים געבן, ער זאל קענען ארויפגיין מיט א מתנה אין די הענט, און קענען זאגן אז ביי אונזער ביהמ"ד אין ירושלים - וואס הייסט נאך אים - האט מען זיך היינט מקבל געווען תיקון המעשים, סיי אין שטוב, סיי קבלות טובות אין כבוד בית ד', נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביי קריה"ת.

אז מען וועט גיין אין די דרכים וואס דער רבי דער בעל ההילולא האט אונז געלערנט, וועט די תפילות נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, און מען וועט געהאלפן ווערן מיט אלעס גוט'ס.


הגליון ניתן להשיג בביהמ"ד "ברך משה" ד'סאטמאר
רח' יונה 20 ירושלים תובב"א